לקוטי שיחות

Name: ______________________________

# NO PAIN GAIN



# פרשת פנחס

Back 2 Basics
Seeing The Parsha The Way The Rebbe Does

SHLUCHIM 71
YESHIVA COLLEGE

ו. איינער פון די חדושי ענינים אין פ׳ פנחס, איז דער סדר הנחלה.

דער ענין הקרבנות, אַזוי אויך דער ענין פון ציילן די אידן, איז פאַראַן אויך אין אַנדערע פרשיות ובאַרוכה, אָבער דער סדר הנחלה בכלל און סדר נחלת ארץ ישראל בפרט, איז מבואר אין פרשת פנחס.

דער סדר הנחלה פון ארץ ישראל איז געווען על פי גורל, אַך בגורל יחלק את הארץ. אין גמרא און מדרש [25]) איז מבואר, אַז עס איז געווען על פי גורל און אויך על פי אורים ותומים.

אין פלוג דאַרף מען פאַרשטיין, וויבאַלד אַז דער סדר חלוקת ארץ ישראל אין גשמיות איז ווילע אַזוי איז דער סדר חלוקת ארץ ישראל אין רוחניות, דאָס מיינט אַז דער סדר החלוקה אין עבודה [26]) איז על פי גורל, איז ניט פאַרשטאַנדיק: דער סדר אין עבודה דאַרף דאָך זיין על פי שכל, און ניט על פי גורל וואָס דאָס איז למעלה מטעם ודעת?

אמת טאַקע אַז דער יסוד העבודה איז קבלת עול דוקא, דאָס איז דאָך בלויז דער יסוד העבודה, אָבער דער אַנהויב העבודה, ווען ער דאַרף פאַנאַנדערקלייבן ווי צו טאָן, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט, דאַרף דאָך דאָס זיין על פי תורה דוקא, וואָס דאָס מוז זיין מיט שכל און השגה, איז פאַרוואָס זאָגט מען אַז די חלוקה, ד. ה. דער פאַנאַנדערקלייבן און פאַנאַנדערטיילן עניני עבודתו ועשיותיו, איז על פי גורל?

נאָך מער איז ניט פאַרשטאַנדיק, וואָס ער זאָגט אך בגורל יחלק את הארץ, וואָס אך איז אַ מיעוט, ד. ה. אַז די חלוקה דאַרף זיין נאָר על פי גורל, ולכאורה דאַרף עס זיין נאָר על פי טעם ודעת?

ז. אין אַ מאמר פון רבי׳ן דעם צמח צדק [27]), אַזוי אויך אין מאמרים פון שפּעטערדיקע רביים, רעדט זיך וועגן דעם ענין „אך בגורל יחלק את הארץ״ בנפש ובעבודה. און לויט דעם ביאור דאָרט איז פאַרענטפערט אויך די אויבנדערמאָנטע קשיא:

גורל איז למעלה מטעם ודעת, און חלוקת הארץ מוז זיך נאָר על פי גורל, ווײַלע די חלוקה קומט פון אַן ענין שלמעלה מטעם ודעת.

והביאור בזה, ובהקדמה:

הגם אַז יעדער איד איז מחויב אין אַלע מצוות, פונדעסטוועגן זיינען פאַראַן ביי יעדער אידן ענינים מיוחדים וואָס זיינען שייך צו אים בפרט.

אַזוי ווי ער דערקלערט אין תניא, אין אגרת הקדש [28]), דעם ענין וואָס מיר געפינען ביי כמה תנאים ואמוראים, אַז זיינען געווען זהיר טפי (מע־

25) בבא בתרא קכב, א. במדבר רבה אויפן פסוק (פנחס כו, נה).

26) זע תורה אור אָנפאַנג פרשה וישב. תורת חיים דאָרט.

27) זע ד״ה אך בגורל — אוה״ת פינחס ע׳ א׳נט. ספר תרכ״ו. דשנת תרמ״ו.

28) סימן ז. זע אויך הקדמת הרח״ו לשער ההקדמות (געדרוקט אויך בסוף קונטרס עץ החיים עמוד 73 בסופו). ספר השיחות קיץ הש״ת עמוד 22.

# CLASSICAL CONCEPTS

1. This week's Parsha, Pinchas, contains an array of different ideas and concepts, many of which are also mentioned in other Parshios. One of the novel ideas that are discussed in Pinchas is the division of the land of Israel to the different tribes. Each tribe was allotted a specific area of the land that would be theirs. The Possuk informs us that a lottery was used in order to determine which tribe would get which land.

2. The physical land of Israel represents a spiritual concept, which is the Jewish people's service of Hashem. The division of the land of Israel into different sections represents each person's individual Avodah and how it is unique to the Avodah of everyone else. Every Jew has a specific path that is special for him in order to connect himself to Hashem in the best possible way. Every person has their own strengths and faces their own challenges, and therefore has their own personal way to accomplish that which is demanded of them.



3. When something is divided according to the results of a lottery, the results are random and without any calculation. If the division of Eretz Yisroel represents each Jew's personal service of Hashem, it would seem that a lottery would be the least effective way of going about it. When a person is trying to discover the path that would be the most conducive for himself, it would seem that he should make an honest

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Beginning | אנהויב |
| When | ווען |
| Determine | פאנאנדערקלייבן |
| How to do | ווי צו טאן |
| Allowed | מעג |
| Must be | מוז זיין |
| דאס הייסט This means | ד.ה. |
| Define | פאנאנדערטיילן |
| Exclusion | מיעוט |
| Later | שפעטערדיקע |
| Speaks about | רעדט זיך ווען |
| According to that | לויט דעם |
| Answered | פארענטפערט |
| Abovementioned | אויבנדערמאנטע |
| Because | ווייל |
| Comes from | קומט פון |
| Every | יעדער |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| There are | זיינען פאראן |
| Connected to him | שייך צו אים |
| Clarified | דערקלערט |
| We find | מיר געפינען |
| Extra careful | זהיר טפי |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| One of | איינער |
| The order of inheritance (How the land was divided) | סדר הנחלה |
| Counting | ציילן |
| Exists | פאראן |
| Other | אנדערע |
| And at length | ובארוכה |
| According to a lottery | על פי גורל |
| Only according to a lottery should the land be divided | אך בגורל יחלק הארץ |
| Seemingly | אין פלוג |
| We must understand | דארף מען פארשטיין |
| Since | וויבאלד |
| Because | ווייל |
| This means | דאס מיינט |
| Not understood | ניט פארשטאנדיק |
| Must be | דארף דאך זיין |
| Above reason and understanding | למעלה מטעם ודעת |
| Foundation | יסוד |

רער) אין געוויסע מצוות. זיי זיינען געווען זהיר אין אַלע מצוות, אָבער אין געוויסע ענינים זיינען זיי געווען זהיר טפי׳, ווײַלע די ענינים זיי־נען געווען שייך צו זיי בפרט, און דורך די ענינים, איז געווען אויך די המשכה און עלי׳ פון די איבעריקע מצוות זייערע.

די שייכות פון יעדן איינעם מיט זיינע ספּעציעלע ענינים, איז ניט קיין ענין פון טעם ודעת, וואָס ער פילט מיט זיין שכל אַז ער האָט אַ שייכות ספּעציעל צו די ענינים, נאָר דאָס איז אַן ענין פון למעלה מטעם ודעת, וואָס דאָס איז דער ענין פון גורל.

ח. דערפאַר, ווען איינער זעט אַז אויף אַ געוויסער מצוה האָט ער העלמות והסתרים ביותר, איז דאָס אַ ראַי׳[29] אַז די מצוה האָט צו אים מערער אַ שייכות. פון דעם גופא וואָס מען שטעלט זיך אַזוי אַנטקעגן, איז אַ ראַי׳ אַז דאָס איז אים מערער נוגע.

אויב אַפילו ער זעט אײַנגאַנצן ניט מיט זיין שכל די שייכות וואָס ער האָט צו דעם ענין, אדרבה, ער זעט גאָר אַז די מצוה קומט אים אָן שווערער פון אַנדערע, אָדער אַז אין אָט דעם מקצוע בתורה האָט ער ניט קיין געשמאַק און הצלחה — פונ־דעסטוועגן איז דער ענין, זיין ענין מיוחד וואָס איז שייך צו אים בפרט, און דורך דעם וועט זיין אַן עלי׳ אין זיין כללות התורה ומצוות, און דערפאַר שטעלט זיך דער יצר הרע אַזוי שטאַרק אַנטקעגן, ווײַלע דער ענין איז אים נוגע ביותר.

ובמילא דאַרף ער ניט אָפּלאָזן דעם ענין און נעמען זיך צו אַנדערע עני־נים, נאָר אדרבה משתדל זיין זיך און טאָן דוקא דעם ענין, ווײַלע דאָס איז אים נוגע ביותר. און דאָס גופא וואָס ער פאַרשטייט ניט די שייכות, און זעט ניט ווי דאָס איז אים נוגע, דאָס איז איינע פון די העלמות והס־תרים.

ט. דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס עס שטייט, אך בגורל יחלק את הארץ, וואָס גורל איז למעלה מטעם ודעת.

אין ארץ ישראל זיינען געווען פאַר־שידענע חלקים, הר, שפלה ועמק, שדה לבן, שדה פרדס[30] א. א. וו. די חלוקה וואָס איז געווען, אַז דער האָט גע־האָט בהר, דער האָט געהאַט בשפלה ועמק, דער האָט געהאַט שדה הפרדס און דער שדה הלבן, איז דאָס גע־ווען לויט דער שייכות הפרטית פון יעדערן אין ארץ ישראל הרוחנית, וואָס דערפאַר איז אַראָפּגעקומען די חלוקה באופן כזה אין ארץ ישראל הגשמית.

און דאָס איז וואָס אך בגורל יחלק את הארץ, ווײַלע די שייכות פון יע־דערן צו זיין חלק, איז ניט קיין שייכות על פי טעם ודעת, נאָר דאָס

29) זע קונטרס העבודה ענדע פרק ואו.

30) זע בבא בתרא קכב, א. ומבואר בסה״מ תרכ״ו ע׳ רה (בהוצאת תשמ״ט ע׳ קעז ואילך).

# CLASSICAL CONCEPTS

calculation of his strengths and weaknesses and come to a conclusion of where his efforts would best be rewarded. A lottery would seem to imply that when a person is discovering his personal path in Avodah, it is meant to be totally random and without any calculations whatsoever.

4. The Tzemach Tzedek explains in a Maamar the idea of a lottery: Generally, when a person makes a decision, it is based on their understanding of what is good and what is bad. A lottery, on the other hand, represents a feeling of going beyond your understanding and not limiting your conclusion to your own limited perception of the situation.

5. Every person has special Mitzvos that have a unique connection to his Neshomah. Like we find in the Gemorah that Tano'im and Amoro'im had certain Mitzvos which they were extra particular about. The same idea applies to every single Jew; everyone has something special that is his unique way of connecting with Hashem. The Torah is informing us that when a person is trying to discover those specific Mitzvos that have a deep connection to his Neshomah he must not base his judgement on his own personal evaluation. Rather, this assessment must be made according to a lottery i.e., above and beyond his own understanding.



6.If a person were to base his judgement on the way he feels, then automatically he would put more emphasis on the Mitzvos he finds pleasure in doing. Any Mitz-

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | וואָרט | טייטש | וואָרט |
|---|---|---|---|
| To him specifically | צו אים בפרט | Through | דורך |
| Will be | וועט זיין | Rest | איבעריקע |
| An elevation | אן עלי' | Special | ספעציעלע |
| Stands | שטעלט זיך | He feels | ער פילט |
| So strongly against | אזוי שטארק אנטקעגן | Therefore | דערפאר |
| Not let go | ניט אפלאזן | When one sees | ווען איינער זעט |
| Put in effort | משתדל זיין | Regarding a specific | אויף א געוויסער |
| How | ווי | Extra difficulties | העלמות והסתרים ביותר |
| There were | זיינען געווען | More of a connection | מערער א שייכות |
| Different | פארשידינע | From this itself | פון דעם גופא |
| Low and valleys | שפלה ועמק | Stands up against | שטעלט זיך אנטקעגן |
| Flat fields | שדה לבן | Sees | זעט |
| Fields with orchards | שדה פרדס | His understanding | זיין שכל |
| און אזוי ווייטער And so on | א.א.וו. | On the contrary | אדרבה |
| Had | האט געהאט | Comes to him with difficulty | קומט אים אן שווערער |
| According to | לויט | Other | אנדערע |
| His specific connection | שייכות הפרטית | Pleasure | געשמאק |
| Everyone | יעדער | His specific thing | זיין ענין מיוחד |
| Came down | אראפגעקומען | | |

איז אַן ענין פון למעלה מטעם ודעת, וואָס דוגמתו למטה איז דער ענין פון גורל.

י. וויבאַלד אַז מען האָט דאָס אונז דערציילט, און תורה איז אייביק פאַר יעדער צייט און יעדער אָרט, איז דער ענין נוגע אונז ביחוד.

יעדער איינער האָט אַן ענין מיוחד וואָס איז שייך צו אים בפרט, און ניט קוקנדיק אויף די העלמות והסת־רים וואָס ער האָט אין דעם ענין, ־אדרבה, כנ״ל, וויבאַלד ער זעט אַז אין דעם שטעלט זיך דער יצר הרע, די וועלט, גאָר שטאַרק אַנטקעגן, דאַרף ער זיך משתדל זיין מער און מער דאָס צו טאָן, ווײַלע דער ענין איז שייך צו אים ביחוד און דורך דעם ענין וועט זיין אַ המשכה ועלי׳ אויך אין זיינע איבעריקע ענינים.

(משיחת ט״ז תמוז, תשי״ב)

# פרשת מטות ומסעי

א. עס שטייט אלה מסעי בני ישר־אל אשר יצאו מארץ מצרים, מסעי לשון רבים, ד. ה. אַז עס זיינען גע־ווען אַ סך מסעות דורך וועלכע די אידן זיינען אַרויס פון מצרים. איז באַוואוסט אויף דעם די קשיא, די אידן זיינען דאָך אַרויס פון מצרים מער ניט ווי מיט איין מסע, דער מסע פון רעמסס קיין סוכות (די איבעריקע מסעות זיינען דאָך געווען שוין נאָך דעם ווי די אידן זיינען אַרויס פון מצרים), היינט פאַרוואָס שטייט מסעי לשון רבים?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין דעם ענין פון די מ״ב מסעות וועלכע זיינען געווען זינט די אידן זיינען אַרויס פון מצרים ביז זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, ארץ טובה ורחבה. וואָרום באַלד מיטן ערשטן מסע, ווי זיי זיינען נאָר אַרויס פון מצרים, לשון מצרים וגבולים, איז דאָס דאָך שוין מרחב. ווי מען גייט נאָר אַרויס פון מיצר געפינט מען זיך במילא במקום המרחב — היינט וואָס גיט צו דער ענין פון די מ״ב מסעות אין דער זאַך פון מרחב?

נאָר דער ענין אין דעם איז, אַז אין מצרים ומרחב זיינען פאַראַן כמה וכמה מדריגות; דאָס וואָס לגבי אַ נידעריקערער מדריגה הייסט מרחב, איז לגבי אַ העכערער מדריגה הייסט עס נאָך מצרים, ביז מען קומט צו צום אמת׳ן מרחב, צום לעצטן מסע, על ירדן יריחו, וואָס דאָס גייט אויף משיח׳ן דמורח ודאין [1]). ביז דעמאָלט, איז הגם אַז לגבי נידעריקער איז דאָס אַן ענין פון מרחב, אָבער לגבי העכער איז דאָס מצרים.

און דאָס איז דער ענין פון די מ״ב מסעות וועלכע זיינען געווען פון מצרים, ביז ארץ טובה ורחבה. מיטן ערשטן מסע, איז הגם אַז מען איז

1) סנהדרין צג, ב. לקוטי תורה במדבר פח, ג.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Every time | יעדער צייט | Its parallel | דוגמתו |
| Place | ארט | Since | וויבאלד |
| Notwithstanding | ניט קוקנדיק | Was told to us | אונז דערציילט |
| Rest | איבעריקע | Forever | אייביק |

vah that he finds to be extra difficult and faces challenges in completing would be done to the bare minimum, since certainly this isn't "his Mitzvah". The idea of discovering your Avodah according to a "lottery" means that a person goes above and beyond the way he sees things and the way he feels. He is able to recognize that the Mitzvos that come with extra struggles are the ones he must focus his energy on achieving.

7. The very fact that a person faces challenges regarding certain Mitzvahs is a clear proof that they have a unique connection to his Neshomah. Since the Yetzer Hora senses that this specific Mitzvah is the way for this person to truly connect with Hashem, he will do everything in his power to get in the way. A person must realize that those Mitzvos that come with more difficulty are the ones that will elevate him to the greatest heights, and elevate the other Mitzvos which come more easily. He must focus his efforts on overcoming the obstacles that are placed in front of him and completing those Mitzvos with the utmost stringency, since those are the ones that will place him on the greatest heights.

8. We can now understand why the division of Eretz Yisroel was done specifically through a lottery. As we explained previously, the division of the land represents the different paths in Avodah that every person has. When one is trying to become aware of which path will be the most effective, he must realize that it cannot be determined according to his on understanding, but rather a lottery; he must go beyond his realm of comprehension. Only through committing himself to those things which seem to be "not his thing" will he be able to elevate himself to his fullest potential, and see success in his service of Hashem.

NO PAIN
GAIN



רער) אין געוויסע מצוות. זיי זיינען געווען זהיר אין אַלע מצוות, אָבער אין געוויסע ענינים זיינען זיי געווען זהיר טפי, ווײַלע די ענינים זײַנען געווען שייך צו זיי בפרט, און דורך די ענינים, איז געווען אויך די המשכה און עלי' פון די איבעריקע מצוות זייערע.

**די שייכות פון יעדן איינעם מיט זײַנע ספּעציעלע ענינים, איז ניט קיין ענין פון טעם ודעת, וואָס ער פילט מיט זײַן שכל אַז ער האָט אַ שייכות ספּעציעל צו די ענינים, נאָר דאָס איז אַן ענין פון למעלה מטעם ודעת, וואָס דאָס איז דער ענין פון גורל.**

**ח. דערפאַר, ווען איינער זעט אַז אויף אַ געוויסער מצוה האָט ער העלמות והסתרים ביותר, איז דאָס אַ ראי'[29] אַז די מצוה האָט צו אים מערער אַ שייכות. פון דעם גופא וואָס מען שטעלט זיך אַזוי אַנטקעגן, איז אַ ראי' אַז דאָס איז אים מערער נוגע.**

אויב אַפילו ער זעט איינגאַנצן ניט מיט זײַן שכל די שייכות וואָס ער האָט צו דעם ענין, אדרבה, ער זעט גאָר אַז די מצוה קומט אים אָן שווערער פון אַנדערע, אָדער אַז אין אָט דעם מקצוע בתורה האָט ער ניט קיין געשמאַק און הצלחה — פונדעסטוועגן איז דער ענין, זײַן ענין מיוחד וואָס איז שייך צו אים בפרט, און דורך דעם ווערט זײַן אַן עלי' אין זײַן כללות התורה ומצוות, און דערפאַר שטעלט זיך דער יצר הרע אַזוי שטאַרק אַנטקעגן, ווײַלע דער ענין איז אים נוגע ביותר.

ובמילא דאַרף ער ניט אָפּלאָזן דעם ענין און נעמען זיך צו אַנדערע ענינים, נאָר אדרבה משתדל זײַן זיך און טאָן דוקא דעם ענין, ווײַלע דאָס איז אים נוגע ביותר. און דאָס גופא וואָס ער פאַרשטייט ניט די שייכות, און זעט ניט ווי דאָס איז אים נוגע, דאָס איז איינע פון די העלמות והסתרים.

ט. דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס עס שטייט, אַך בגורל יחלק את הארץ, וואָס גורל איז למעלה מטעם ודעת.

אין ארץ ישראל זײַנען געווען פאַרשידענע חלקים, הר, שפלה ועמק, שדה לבן, שדה פרדס[30] א. א. וו. די חלוקה וואָס איז געווען, אַז דער האָט געהאַט בהר, דער האָט געהאַט בשפלה ועמק, דער האָט געהאַט שדה הפרדס און דער שדה הלבן, איז דאָס געווען לויט דער שייכות הפרטית פון יעדערן אין ארץ ישראל הרוחנית, וואָס דערפאַר איז אַראָפּגעקומען די חלוקה באופן כזה אין ארץ ישראל הגשמית.

און דאָס איז וואָס אַך בגורל יחלק את הארץ, ווײַלע די שייכות פון יעדערן צו זײַן חלק, איז ניט קיין שייכות על פי טעם ודעת, נאָר דאָס

29) זע קונטרס העבודה ענדע פרק ואו.

30) זע בבא בתרא קכב, א. ומבואר בסה"מ תרכ"ו ע' רה (בהוצאת תשמ"ט ע' קעז ואילך).

# טייטשין
# TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
| --- | --- |
| די שייכות | The connection |
| פון יעדן איינעם | of every person |
| מיט זיינע | with his |
| ספעציעלע ענינים | special (unique) things (Avodah) |
| איז ניט קיין ענין | is not something |
| פון טעם ודעת | of reason or understanding, |
| וואס ער פילט | (something) that he feels |
| מיט זיין שכל | with his mind |
| אז ער האט א שייכות | that he has a connection |

| ווארט | טייטש |
| --- | --- |
| ספעציעל צו די ענינים | to those things in a special way. |
| נאר | Rather, |
| דאס איז אן ענין | this is something |
| פון למעלה מטעם ודעת | which is higher than all reason and understanding, |
| וואס דאס איז | which this is |
| דער ענין פון גורל | the idea of a lottery, |
| דערפאר | therefore |
| ווען איינער זעט | when one sees |
| אז אויף א געוויסער מצוה | that regarding a certain Mitzvah |
| האט ער | he has |

| ווארט | טייטש |
| --- | --- |
| העלמות והסתרים ביותר | a lot of difficulties, |
| איז דאס א ראי׳ | this is a proof |
| אז די מצוה | that this Mitzvah |
| האט צו אים | has to him |
| מערער א שייכות | more of a connection. |
| פון דעם גופא | From this itself |
| וואס מען שטעלט זיך | that (difficulties) are standing |
| אזוי אנטקעגן | so much against him, |
| איז א ראי׳ | is a proof |
| אז דאס איז אים | that this is for him |
| מערער נוגע | more important. |



# SHOW OFF YOUR KNOWLEDGE!

1. **HOW** was Eretz Yisroel divided?

___

___

___

2. **WHAT** does the division of Eretz Yisroel represent?

___

___

___

3. **WHAT** does a lottery represent?

___

___

___

4. **WHAT** does it mean when a certain Mitzvah is hard for you? **WHY?**

___

___

___

5. **WHY** was the land divided in such a seemingly strange way?

___

___

___

# NOTES:

לעילוי נשמת
ר' קלונימוס בן שמעון
ולעילוי נשמת
מרת רחל גיטל חי' בת
אברהם אבא

•

לזכות התינוקת
ברכה בת שרה
חיילת בצבאות ה', נולד ביום
הבהיר כ"ח סיון ה'תשע"א שיזכו
הוריה לגדלה לתורה, חופה,
ומעשים טובים

BACK 2 BASICS

Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© 5771 YC SHLUCHIM COVER: LEIBEL KRINSKY INFO: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON
TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT YCBACK2BASICS@GMAIL.COM